# ר׳ נחמן בראַצלעווער

# אַ מעשׂה מיט אַ העגנלייַכטער

איינער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זייַן פֿאָטער און איז געווען אין אַנדערע מדינות פֿיל טעג. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן ביַי פֿרעמדע.

אין אַ צייַט אַרום איז ער געקומען צום פֿאָטער זייַנעם און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט דאָרטן זיך אויסגעלערנט אַ גרויסע אומנות, ווי אַזוי צו מאַכן מיט גרויס קונסט אַ העגנלייַכטער. און ער האָט געהייסן, מע זאָל צונויפֿנעמען די אַלע לייַט, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער אומנות פֿון מאַכן העגנלייַכטער, וועט ער זיי וויַיזן די גרויסע חכמה זייַנע אין דער דאָזיקער אומנות.

און ער האָט אַזוי געטאָן, דער פֿאָטער זייַנער. ער האָט צונויפֿגענומען די אַלע, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער דאָזיקער אומנות, זיי זאָלן זען די גרויסקייט פֿון זייַן זון, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אין די דאָזיקע אַלע טעג, וואָס ער איז געווען ביַי אַנדערע אין די הענט. און אַז זיי זייַנען זיך אַלע צונויפֿגעקומען, האָט דער זון אַרויסגענומען אַ מנורה, וואָס ער האָט געמאַכט.

האָט זי זייער מיאוס אויסגעזען אין די אויגן פֿון זיי אַלע.

איז דער פֿאָטער זייַנער געגאַנגען צו זיי אַלעמען און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים אויסזאָגן דעם אמת.

זייַנען זיי גענויט געווען אויסצוזאָגן אים דעם אמת, אַז זי איז זייער מיאוס.

נאָר דער זון האָט זיך געהאַלטן אין איין באַרימען:

– זעט איר, וואָס פֿאַר אַ חכמה עס ליגט אין מייַן אַרבעט!...

האָט אים זייַן פֿאָטער מודיִע געווען , אַז דער העגנלייַכטער זעט גאָר נישט אויס שיין אין זייערע אַלעמענס אויגן.

האָט אים דער זון געענטפֿערט:

–אַדרבא, מיט דעם האָב איך באַוויזן מײַן גרויסקייט. וואָרעם איך האָב געוויזן זיי אַלעמען זייער חסרון. וואָרעם אין דעם דאָזיקן הענגלײַכטער געפֿינען זיך די חסרונות פֿון יעדן איינעם פֿון די בעלי-אומנות, וואָס געפֿינען זיך דאָ. דו זעסט דאָך, אַז בײַ דעם איז מיאוס אָט דער טייל פֿון דעם הענגלײַכטער; אַן אַנדער טייל אָבער זעט בײַ אים אויס זייער שיין. בײַ אַן אַנדערן ווידער איז פֿאַרקערט. אַדרבא, אָט דער טייל, וואָס זעט-אויס מיאוס בײַם חבֿר זײַנעם, איז שיין און וווּנדערלעך אין זײַנע אויגן. נאָר וואָס דען? אָט דער טייל איז מיאוס. און אָט אַזוי איז עס מיט זיי אַלע. דאָס, וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פֿון דעם, איז שיין אין די אויגן פֿון חבֿר זײַנעם. און אַזוי פֿאַרקערט. האָב איך געמאַכט די דאָזיקע מנורה פֿון חסרונות אַליין, כּדי צו ווײַזן זיי אַלעמען, אַז זיי פֿאַרמאָגן קיין שלימות נישט. אַז יעדער איינער האָט אַ חסרון, וואָרעם דאָס, וואָס עס זעט-אויס שיין אין זײַנע אויגן, איז אַ חסרון אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. אין אמתן אָבער קען איך מאַכן דעם הענגלײַכטער ווי געהעריק.

---

די דאָזיקע מעשׂה געפֿינט זיך נישט אין דעם ייִדישן טעקסט. זי איז אויך נישטאָ צווישן די 13 דערציילונגען, פֿון וועלכע *סיפּורי-מעשׂיות* באַשטייען. זי קומט גאָר צום סוף, אין די הערות פֿון ר׳ נתן צו דער *מעשׂה פֿון די זיבן בעטלערס*.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון בנימין צדוק, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ
Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved

.